ספעציעלע גזירת הגיוס ביילאגע

# ארייַנגעשטאכן
# א מעסער אין רוקן

נטורי קרתא
True Torah Jews

**דער אומגלויבליכער פאררעט פון די חרדי'שע חברי כנסת וועלכע האבן במזיד געווארפן פילע טויזנטער ערליכע בחורים שומרי תורה ומצוות פאר די ציוני'סטישע הינט, האט זיך נישט אנגעהויבן פאריגע וואך, נאר גייט שוין צוריק כאטש 16 יאר**

דער גאנצער השתלשלות פון גיוס בני הישיבות, און דער שוידערליכער גזירת שמד וואס איז דורך מיט די הסכמה פון די חרדי'שע פירערשאפט אין ארץ ישראל, וועלכע האבן פארקויפט טויזנטער בחורים פאר'ן שטן פאר אפאר גרייצער!

דער אמת'ער דעת תורה איבער דעם חומר עון השתתפות במלכות המינות ווערט נישט נשתנה אויב מען זעט יא אדער נישט די תוצאות, על פי דעת תורתינו הק' כאפט נישט קיין שום נפק"מ צווישן די יעצטיגע חברי הכנסת וואס ווילן פשרות אדער אנדערע חברי הכנסת און פארטייען וואס ווילן נישט פשרות, און ווי דאס לשון פון אבות דרבי נתן אז אל תתחבר לרשע אפילו לתורה אפילו לדבר מצוה, וכמבואר היטב בספה"ק ויואל משה סימן קט"ז - קי"ט.

די איינפאכע עצה היעוצה וואס איז אויפגעוויזן געווארן העכער יעדן ספק ביי די גזירות פון גיוס בנות און ניתוחי מתים, איז דער דרך המלחמה וואס מיר האבן מקובל פון אלע פריערדיגע רועי ישראל הנאמנים, צו לוחם זיין מיט די רשעים פון אינדרויסן דייקא, און אראפשטעלן א חומה המבדלת אז מיר האבן נישט דאס מינדסטע שייכות צו די מלכות המינות אין אלע אירע אפטיילונגען. מיר האבן נישט קיין שייכות מיט די פארטייען למיניהם, נישט מיט זייערע פשרות און נישט מיט זייערע מלחמות, נישט מיט זייערע מכשולות און נישט מיט "הישגים", נישט מיט זייערע הצלות און נישט מיט זייערע מצילים. אונזער דרך התורה איז צו ביאקאטירן גענצליך די מלכות המינות, ודבר אלקינו יקום לעולם.

עס אבער פארט פארהאן א נחיצות צו אויסשמועסן גענוי די פעולות פון די רעליגיעזע פארטייען אזוי געפינען מיר אין פרשת ויצא ווען דער אויבערשטער האט געזאגט פאר יעקב אבינו ער זאל אוועקגיין פון לבן'ס הויז, ויאמר ה' אל יעקב שוב אל ארץ אבותיך ואהי' עמך, האט יעקב גערופן רחל ולאה השדה אל צאנו, און די פסוקי התורה זענען מאריך וויאזוי ער האט זיך אויסגעשמועסט מיט זיי רואה אנכי את פני אביכן כי איננו אלי כתמול שלשום, און וואס פארא רמאי לבן איז געווען צו אים, וְאַתֵּנָה יְדַעְתֶּן כִּי בְּכָל כֹּחִי עָבַדְתִּי אֶת אֲבִיכֶן, וַאֲבִיכֶן הֵתֶל בִּי וְהֶחֱלִף אֶת מַשְׂכֻּרְתִּי עֲשֶׂרֶת מֹנִים וכו' מיט א גרויס אריכות, הערנשט שפעטער האט ער געזאגט אז דער אויבערשטער האט אים באפוילן עַתָּה קוּם צֵא מִן הָאָרֶץ הַזֹּאת וְשׁוּב אֶל אֶרֶץ מוֹלַדְתֶּךָ.

אויף דעם זעלבן וועג האבן אים די אמהות הק' געענטפערט וַתַּעַן רָחֵל וְלֵאָה וַתֹּאמַרְנָה לוֹ הַעוֹד לָנוּ חֵלֶק וְנַחֲלָה בְּבֵית אָבִינוּ. הֲלוֹא נָכְרִיּוֹת נֶחְשַׁבְנוּ לוֹ כִּי מְכָרָנוּ וַיֹּאכַל גַּם אָכוֹל אֶת כַּסְפֵּנוּ. און נאך דעם גאנצן שמועס פארוואס לבן האט זיי ב'עולה'ט האבן זיי געזאגט דעם "כל אשר אמר אלקים אליך עשה". אז ער זאל איבערלאזן זייער פאטער'ס שטוב.

מיר זעהן פון די פסוקי התורה א געוואלדיגן לימוד לדורות, יעקב אבינו וואלט געקענט פשוט זאגן אז השי"ת האט אים געהייסן אוועקגיין און די אלע הסברים, די אמהות הק' וואלטן דאך אויסגעפאלגט דעם דבר ה' אויך אויב לבן וואלט געווען א פיינער מענטש וואס האט קיינמאל נישט אויסגעפאפט יעקב אבינו.

דא ליגט אבער א יסוד, וואס ביי די הייליגע אמהות האט עס טאקע נישט אויסגעפעלט, אבער אלע מעשי אבות זענען דאך געווען אויף לדורות, אונז צו לערנען אז ווען מען האט צוטון מיט רשעים דארף מען אוסשמועסן די פרטים פון זייער רשעות און עולות. דער מענטשליכער טבע איז אז ווען ער פארשטייט און באגרייפט מיט'ן שכל די שלעכטיגקייט פון די עושי עול איז נאכדעם סאך מער מתקבל על הלב דער דעת תורה, אזוי ווי דער פסוק זאגט, ועתה, נאכדעם וואס מען פארשטייט אלע מעשי רשע, איז כל אשר אמר אליך אלקים עשה.

ווען מען רעדט פון די רשעים דארף מען זיי כסדר מגנה זיין און ארויסהייבן זייערע נעגיטיווע חלקים. דער מציאות איז אז אויב מען איז מצדיק די רשעים, אפילו בלויז פאליטיש, איז דאס הארץ מיט זיי. מען הערט אפט די טענה פון פארשידענע, אז על פי תורה זענען זיי טאקע נישט גערעכט אבער פאליטיש גערעדט מעג מען דאך האלטן אז זיי האבן א צד, דאס איז אבער נישט ריכטיג וייל מיר פשוט'ע מענטשן ווערן איבערגענומען פון הרגשי הלב, און אויב דאס געפיל און הארץ איז מיט זיי האט מען אן אינטערעסע פאר זייער הצלחה און מען וויל זייער סוקסעס, כאטש מען לייגט צו דעם לחש אז על פי תורה זענען זיי טאקע נישט גערעכט. אידן מאמינים בה' דארפ'ן אריינברענגען אין הארץ א שנאת הרע בתכלית, זיי צו ממאס זיין און מגנה זיין אויף יעדן טריט און שריט.

דאס זעלבע ביי די יעצטיגע נושא פון דעם גזירת הגיוס, איז וויכטיג אויסצושמועסן אלע פרטי הדברים, כאטש מיר ווייסן אז דער עצם זיצן אין די ממשלה איז חמורות שבחמורות נישט משנה וויפיל און צי מען טוט בכלל אויף, ברויך מען אבער מגנה זיין זייערע מעשים און פארשטיין אויך מיט'ן מענטשליכן בליק דעם גרויסן חורבן וואס די התחברות למינים האט געברענגט, אויב וועט מען האבן דעם ריכטיגן שנאת הרע אין הארץ וועט מען בעז"ה קענען מקיים זיין בשלימות דעם "כל אשר אמר אלקים אליך עשה".

אריינגעשטאכן
א מעסער אין רוקן

שטיל האט ער זיך ארייגעג'גנב'עט, דאס היטל פארוקט איבער די אויערן, אריין דורך א זייטיגע טיר, אז קיין 'גוט' אויג זאל נאר נישט באמערקן. די אנוועזנהייט פון דעם באבערדלטן פרזאן אין די הויכשטאפלערישע געגנט אין תל אביב וועט הייבן נישט וויניג אויגן ברעמען, און נאך דאס פעלט אים אויס אז דער באגעגעניש זאל ארויסרינען אויף די גאס. ס'וועט נישט ברענגען קיין גוטס פאר קיינעם פון זיי.

אינעווייניג אינעם רייך-מעבלירטן צימער איז די שפאנונג געווען פונקט אזוי אנגעצויגן. זי האט זיך ארומגעדרייט א נערוועזע, יעדעס ווארט וועט דארפן זיין געוואויגן און געמאסטן, מ'קען קיינמאל נישט וויסן צי די ווענט האבן אויערן, און צי דער אנקומענדער וועט איר נישט אמאל פארראטן און וואשן אירע שמוציגע וועש אויף די גאס. אויך איר פעלט בכלל נישט אויס די קאפווייטיקן אז די נייעס איבער די באגעגעניש זאל ארויסרינען צו די סענזאציע-הונגעריגע מידיא.

ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס די צוויי טרעפן זיך. זיי געהערן טאקע צו צוויי אנדערע געגנגעזעצטע עקסטרעמען פונעם פאליטישן ספעקטרום, אבער זיי האבן פארט געמיינזאמע אינטערעסן.ביידע שטייען אויס צו פארלירן אומגעהויערע פראפארצן פון געלט און מאכט, און דאס האט זיי פארוואנדלט אין גוטע 'ביזנעס שותפים', אויב מ'קען עס אזוי אפילו אנרופן. די אור אלטע סטראטעגיע פון "שמור לי ואשמור לך" וועט אויך דא מוזן ארבעטן. ער וועט איר העלפן און זי וועט אים העלפן.

ווער זענען געווען די צוויי? וואס זענען זייערע צילן און מאטיוון?

## משה גפני ראטעוועט די לינקע ריכטערין בייניש

נאך בעפאר מדינת ישראל איז ליידער געווארן א פאקט, האט אין די ציוני'סטישע באוועגונג זיך אנטוויקלט א טיפער ריס צווישן די רעכטע און לינקע לאגערן. בן גוריון ימ"ש, דער פירער פונעם לינקן לאגער, האט באוויזן מיט'ן פויסט צו פארכאפן די מאכט און גרינדן די מדינה, און די ערשטע כמעט 30 יאר וואס די מדינה איז געשטאנען האבן די לינקע אנגעפירט דאס גאנצע לאנד. די רעגירונג, די מידיא, די געריכטן, די ביזנעס פירער, אלע אנטשטאלטן פון מאכט און געלט זענען געווען אין די הענט פון די לינקע.

מיט'ן לויף פון די יארן האבן זיי צוביסלעך פארלוירן איין אנשטאלט נאך די אנדערע. דער רעכטער מנחם בעגין ימ"ש איז ארויף אויפ'ן זאטל אין תשל"ז; די ביזנעס געמיינדע האט זיך שארף געדרייט צו רעכטס דורכאויס דעם עקאנאמישן קריזיס פון די תש"מ יארן; און א גרויסער טייל פון פאלק געהערט היינט צום רעכטן לאגער. אויך די מידיא, וועלכע איז נאך היינט היפש קאנצענטרירט אין די הענט פון די לינקע, איז אריבער א שטארקע טראנספארמאציע אין די לעצטע 15-20 יאר, ספעציעל זינט די ערשיינונג פונעם נתניהו-געשטיצטן צייטונג "ישראל היום" וועלכער האט שטארק אריינגעשניטן אין די הענעמאניע פון די לינקע "ידיעות אחרונות", "מעריב", "הארץ", און אנדערע לינקע מידיא פעסטונגען.

דער לעצטער ווינקל וואס די לינקע דאמינירן נאך, און זיי כאפן עס פעסט אן מיט די לעצטע כוחות, איז דער בג"ץ. אין די נידריגערע געריכטן זענען פאראן א היפשע צאל ריכטער גענויגט צו רעכטס, אבער אין העכסטן געריכט, וועלכעס דאמינירט דעם טאג טעגליכן לעבן אין די מדינה, פארמאגן די לינקע אן איבערוועגנדע מערהייט.

די סיבה פארוואס דארט האבן זיי יא באוויזן אנצוהאלטן זייער כח איז וויבאלד דער גאנצער סיסטעם פון אויסקלויבן ריכטער איז דארט אויסטערליש קארופטירט. אין יעדע דעמאקראטישע לאנד האבן די בירגער א שטיקל ווארט אין אויסקלויבן ריכטער צום העכסטן געריכט אין לאנד. נעמט צב"ש די פאראייניגטע שטאטן, וואו די פעדעראלע ריכטער ווערן אויסגעקליבן דורכ'ן פרעזידענט און דארפן באשטעטיגט ווערן דורכ'ן סענאט. דער יוסטיץ סיסטעם אין אמעריקע איז אויך גענוג קארופטירט מיט פאליטישע מאכינאציעס, אבער פארט איז פאראן א דעמאקראטישער וועג וויאזוי דאס פאלק האט א שטיקל ווארט, דורך זיינע ערוועלטע באאמטע, איבער ווער עס קומט אן אינעם סופרים קאורט.

מ'זעט טאקע דעריבער אז דער סופרים קאורט טוישט זיך יעדע עטליכע יאר דעם ריכטונג, געוואנדן צי עס זיצן דארט מער קאנסערוואטיוון אדער מער ליבעראלן.

אין מדינת ישראל ארבעט עס אבער גאר אנדערש. דארט איז פאראן א קאמיטע וואס קלויבט אויס די פרישע בג"ץ ריכטער ווען נויטיג, אבער די מערהייט פון די קאמיטע באשטייט פון בג"ץ ריכטער און זייערע שטיצער אין דער "אדוואקאטן פאראיין"! אין אנדערע ווערטער, די ריכטער זעלבסט האבן די עיקר ווארט אויף ווער ס'זאל ארייןקומען דינען אינעם בג"ץ, און עפ"י רוב געלונגט זיי צו פארזיכערן אז ס'קומען אריין נאר אזעלכע ריכטער וועלכע זענען אידעאלאגיש געשטימט מיט זייערע לינקע נייגונגען.

ס'האט זאגאר באקומען אין מדינת ישראל אן אומאפיציעלן טיטל פון "חבר מביא חבר"...

פארשטייט זיך אז די רעכטע קריצן דערויף געפערליך מיט די ציין, ספעציעל די מתנחלים און די חרדי'שע פארטייען, וועלכע זענען גאר אפט דער ציל-ברעט פון בג"ץ אטאקעס, איינע ערגער פון די אנדערע. ביזדערווייל איז זיי אבער נאכנישט געלונגען צו איינברעכן דעם דאזיגן לעצטן לינקן פעסטונג.

דער ערשטער ערנסטער פרואוו עס צו באוויזן איז געקומען אין תשס"ז, 07' למספרם, ווען אהוד אולמערט איז געווען דער ראש הממשלה. אולמערט איז טאקע געווען פארזיצער פון די צענטער-לינקע

"קדימה" פארטיי, אבער ער האט שוין דאן געהאט געגוג פוטער אויפ'ן קאפ וואס ער האט מורא געהאט אז די געריכטן וועלן אים צווענטועל אוועקלייגן – וואס ס'האט טאקע פאסירט. די געריכטן האבן צוערשט אונטערגעהאקט זיין פאליטישע קאריערע, און ער איז שוין זינט דאן אויך פאראורטיילט געווארן צו טורמע – אולמערט האט באשלאסן ארויסצוגיין אויף די אפענסיווע קעגן דעם בג"ץ, און זיי פארלויפן דעם וועג.

ער האט באשטימט אלס זיין יוסטיץ מיניסטער, "שר המשפטים", דעם פראפעסאר דניאל פריעדמאן. פריעדמאן איז מיסודו א לינקער פאליטישאן, אבער ער איז אויך געווארן זייער אויפגעברויזט אויף דעם קארופטירטן סיסטעם וויאזוי דער בג"ץ ארבעט, און באלד ביי זיין אריינקומען האט ער זיך גענומען ארבעטן צו צומען די אומגעהויערע מאכט פונעם בג"ץ. בעיקר האט ער געצילט דורכצופירן צוויי געזעצן: 1) טוישן דעם צוגאנג וויאזוי מ'קלויבט אויס די קאמיטע וועלכע קלויבט אויס די בג"ץ ריכטער, און געבן מער כח פאר די ערוועלטע כנסת דעפוטאטן ווי פאר די אומערוועלטע ריכטער; 2) געבן די מעגליכקייט פאר'ן כנסת צו נוצן אן איבערוויגנדע מערהייט איבערצוקומען בג"ץ אורטיילן, ווי למשל אז 2/3 חברי הכנסת זאלן קענען באשטעטיגן א געזעץ וואס דער בג"ץ האט אפגעווארפן.

אין די בג"ץ קארידארן איז געווארן אן איבערקערעניש. ס'איז געווען דאס ערשטע מאל וואס אזא הויכראנגיגער מיניסטער זאל ארויסטרעטן אפן קעגן דעם בג"ץ. א געוועזענער בג"ץ ריכטער, מישאל חעשין, האט זאגאר דערקלערט אז "ווער ס'וועט אויפהייבן א האק אויף 'מיין הויז' וועל איך אים אפהאקן די הענט!". און דאס איז דער פאן-טרעגער פון יוסטיץ אין די ציוני'סטישע מדינה...

למעשה האט פריעדמאן ארויסגערופן קעגן זיך דעם צארן פון צופיל מאכטפולע אינסטיטוציעס, און ווענטועל האט ער געמוזט צוריקציען פון זיינע דרייסטע פלענער, אבער דער שניי-באל האט זיך שוין אנגעהויבן קוילערן, און אויך זיין שפעטערדיגער נאכפאלגער אלס יוסטיץ מיניסטער אין די נתניהו רעגירונג, יעקב נאמן, אליין א מזרחי'סט מיט א כזית קאפעלע, האט פארגעזעצט צו פירן מלחמה מיט'ן בג"ץ.

א גאר קריטישע אפשטימונג איז פארגעקומען אין תשע"ב, '12 למספרם, ווען דער כנסת האט געדארפט שטימען אויף א פרישן געזעץ וואס האט געזאלט טוישן דעם צוזאמשטעל פון די קאמיטע וואס קלויבט אויס די בג"ץ ריכטער, אז די קאמיטע זאל זיין מער גינסטיג געשטימט פאר די רעכטע און רעליגיעזע פארטייען. אין יענע צייט איז פארגעקומען די דערמאנטע באגעגעניש. די צוויי פערזאנען ביים זיצונג זענען געווען דער ליטווישער חבר הכנסת משה גפני און די הויפט ריכטערין פונעם בג"ץ דורית ביי'ניש, וועלכע האט שוין געהאלטן נאנט צו די ענדע פון איר קאריערע, אבער האט נאך אלץ געוואלט פארזיכערן אז אירע פינגער אפדרוקן פארבלייבן אינעם בג"ץ אויף לאנגע יארן נאך וואס זי איז שוין 'אפיציעל' ארויס פון דארט.

ווען גפני האט עטליכע טעג שפעטער איבערראשט די גאנצע פאליטישע וועלט און געשטימט קעגן דעם געזעץ איז עס געווען ממש א פאליטישער אויפרייס. מ'האט זיך נישט געוואלט גלייבן אז דאס האט פאסירט. ס'איז שווער צו באגרייפן פאר איינעם וואס האלט נישט מיט די ארטיגע פאליטיק ווי מאדנע ס'האט זיך געהערט אז ביי'ניש און גפני האבן געארבעט צוזאמען [צו געבן א שטיקל משל פון אמעריקאנער פאליטיק, ס'איז אזויווי דער ארכי-קאנסערוואטיווער סענאטאר טעד קרוז פון טעקסאס זאל שטימען פאר אבאמאקעיר...].

צוביסלעך איז ארויסגערינען צו די מידיא די נייעס איבער דעם באגעגעניש צווישן די צוויי, און ס'האט שוין אנגעהויבן מאכן אביסל מער 'סענס'...

## ובכן. געלט. תן. געלט. פחדך. געלט.

עטליכע מאנאטן שפעטער האט גפני באקומען צו קאסטן אביסל פון זיין אייגענעם מעדיצין, און אליין אנערקענט וויפיל מ'קען געטרויען די ציוני'סטישע רשעים. בלויז געציילטע חדשים נאך וואס ער האט געראטעוועט ביי'ניש'ס קאריערע און צוקונפט, און די לעצטע וואך וואס זי איז נאך געווען אויפ'ן בענקל, האט זי ארויסגעגעבן דעם שארפן אורטייל ענדע חודש שבט תשע"ב, אין וועלכן זי האט דערקלערט אז דער חוק טל האט נישט דערגרייכט דעם ציל פון אריינברענגען טויזנטער חרדים אין מיליטער, און דער כנסת מוז דערפאר אויפקומען מיט א נייעם געזעץ, אדער ארויפלייגן דעם חובת הגיוס אויף אלע חרדי'שע בחורים און יונגעלייט.

נישט אז ביי'ניש האט נישט 'באצאלט דעם חוב'. זי האט פארט געדארפט ווייזן אז זי איז א גוטע פאליטיקאנט... ביי א רייע געריכט אורטיילן האט זי זיך אנגענומען און געשטיצט די יהדות התורה פאזיציע, ווי צב"ש בנוגע דאס געלט פאר די ישיבות קטנות; די "הבטחת הכנסה" געלט פאר אברכים (וואס אירע נאכפאלגער האבן טאקע מבטל געווען); דאס אנערקענען די מוסדות הפטור אז זיי זאלן קענען באקומען רעגירונג שטיצע; און נאך א רייע ענליכע אורטיילן.

ווייזט אויס אז "יודע ... נפש בהמתו". זי האט גוט געוואוסט אז מ'זאגט די הגדה און מ'מיינט די קניידלעך. ווי לאנג זי צאלט אפ איר חוב ביי די געלט, וועט מען זיך שוין מיט'ן חוק טל אן עצה געבן. מ'וועט נעמען אפאר טויזנט בחורים און זיי ווארפן צו די הונגעריגע וועלף, און אזוי וועט מען זיי פארשטאפן דאס מויל פאר כאטש נאך 10-15 יאר, און אינצווישן וועלן די געלט קראַנען ווייטער פליסן.

באמת קען מען איר נישט צופיל באשולדיגן פאר'ן טראכטן אזוי. די יהדות התורה פארטיי האט איר נישט געגעבן צופיל ברירות צו טראכטן אנדערש, ווי ס'האט זיך קלאר ארויסגעשטעלט ווען מ'האט געגרינדעט דעם ועדת טל און דערנאך די חוק טל וואס

איז דורכגעגאנגען בלויז אדאנק די ארבעט פון די יהדות התורה פארטיי.

ביייניש איז געווען פון די אייגצעלנע ריכטער וועלכע זענען געווען פארמישט אין יעדע געריכט אורטייל אויף די טעמע פון גיוס בני הישיבות זינט אהרן ברק האט געאורטיילט אז דער שר הבטחון האט מער נישט די לעגאלע רעכט צו אפשטופן די גיוס פאר די וועלכע זענען "תורתם אומנתם", ביז איר סאמע לעצטע וואך אין אמט ווען זי האט אין די לעצטע מינוט ארויסגעשאסן די באמבע פונעם פריערדערמאנטן אורטייל, וועמענ'ס אפעקט שפירט זיך נאך ביז יעצט און וועט זיך נאך לאנג שפירן, ווארשיינליך ביז משיח'ס טאג.

זי האט מיטגעהאלטן די פאליטישע מאכינאציעס ווען קעגן דעם ווילן פון אן איבערוויגנדן רוב פון דער מועצת גדולי התורה, האבן די חרדי'שע חברי הכנסת אריינגעשיקט דריי פארשטייער צום ועדת טל וועלכער זאל פארטרעטן דעם חרדי'שן צד. די ליטווישע ראשי ישיבות און גדולים האבן געוויינט און געליארעמט געוואלד, אז מ'דארף זאפארט קלארשטעלן פאר די עוכרי הדת אינעם בג"ץ און אין כנסת אז אין דעם הינזיכט איז נישטא קיין שום פשרות, נישטא וואס צו פארהאנדלען, נישטא קיין חוקי סדום, גארנישט. א חרדי'שער בחור גייט נישט אין מיליטער און פארטיג.

די ציוני'סטישע פירער האבן יא פארשטאנען אז ביים אויפשטעלן דעם ועדת טל מוזן זיי טרעפן א וועג דורכצוברעכן די חומה קעגן גיוס בני הישיבות, און מ'מוז ארבעטן אויפ'ן דעת הקהל. זיי האבן דירעקט אויסגעקליבן דעם ריכטער צבי טל, מיט א שיין קאפעלע אויפ'ן קאפ און א געשטירצט בערדל, עפעס וואס אין די חרדי'שע מידיא קען ווערן באצייכנט אלס 'שומר תורה ומצוות' און וועמענ'ס געזיכט שטייט נישט צופיל ארונטער פון אנדערע 'חרדי'שע' צורות. אזא איינער מיינט דאך אודאי נישט קיין שלעכטס.

דאגעגן די חרדים האבן דאס נישט פארשטאנען, אדער נישט געוואלט פארשטאנען. די בלויזע אנוועזנהייט פון דריי חרדי'שע פארשטייער האט געצייגט אז 'עס איז דא פון וואס צו רעדן' ווען ס'קומט צו נעמען בחורים אין מיליטער. מילא ד"ר יעקב ווײנרוט, טראץ וואס ער איז באקאנט מיט זיינע פרא-חרדי'שע שטעלונגען, איז פארט אן אדוואקאט אן קיין בארד, טאקע א כזית קאפעלע אויפ'ן קאפ, אבער ער ווּאלט געמאכט דעם איינדרוק ווי אן אדוואקאט וואס פארטרעט זיין קליענט.

דאס אריינשטעלן אהין ר' מאטל קארעליץ, געוועזענער מעיאר פון בני ברק מיט זיין ברייטע גרויע בארד, און ר' אשר טענענבוים, גאר דער יו"ר פונעם "ועד הישיבות", די ארגאניזאציע וועלכע פארפיגט אויף אלע צענדליגער טויזנטער בחורים און יונגעלייט פון אלע ישיבות אין ארץ ישראל, האט צוגעשטעלט פאר די ציוני'סטישע הנהגה א בילד אויף וואס זיי האבן זיך בלויז געקענט חלומ'ען. 'די חרדים זענען דא צו הערן וואס מ'רעדט, זיי וועלן האבן א מיינונג, אבער דער באשלוס וועט זיין בינדענד'.

אויב דאס איז נישט גענוג געווען האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט נאך פיל מער. דוקא מאטל קארעליץ איז געווען דער וואס איז אויפגעקומען מיט דעם געדאנק פון א "שנת הכרעה", אזא מין כלאיים באשעפעניש וואס האט געדארפט ארבעטן ווי פאלגנד:

אינעם יאר וואס א בחור ווערט 22 יאר דארף ער נישט ארויסנעמען קיין דיחוי, קיין פטור, גארנישט. אויב וויל ער קען ארויסגיין ארבעטן אן דארפן גיין קודם אין מיליטער, און ענדע יאר וועט ער באשליסן צי ער וויל בלייבן אנגעשלאסן אין די ישיבה אדער ער וועט זיך שטעלן צום מיליטער.

בשעתו זענען געווען אסאך גדולי ישראל וועלכע זענען געווען שטארק באזארגט איבער דעם "שנת הכרעה", זיי האבן מורא געהאט אז ס'וועלן זיין א צאל יונגעלייט וועלכע וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט ארויסצוגיין אויף די ברייטע גאס ארבעטן און זיי וועלן שוין מער נישט טרעפן דעם וועג אויף צוריק. אפילו די וועלכע האבן יא געשטיצט דעם ועדת טל זענען אויך געווען באזארגט איבער דעם פראבלעם, אבער זיי האבן געהאלטן אז נישטא קיין ברירה, מ'וועט מוזן איינשטעלן די נשמות פון א מיעוט אבי צו קענען ראטעווען דעם רוב.

למעשה איז ב"ה נישט צופיל געווארן פון דעם שנת הכרעה, בעיקר דערפאר ווייל דער "נחל חרדי" איז בליץ שנעל געווארן אזוי גרויליג, און אזוי ווייט פון ערליכע אידישקייט, אז ס'איז גאר שנעל געווארן גענצליך אפגעפרעגט, אזוי אז אפילו די עטוואס שוואכערע האבן זיך נאך אלץ געשעמט צו זאגן אז זיי פלאנען זיך אנצושליסן אינעם נחל חרדי, און זענען פארבליבן אין ישיבה.

נישט קיין אנדערער ווי דער ריכטער צבי טל זעלבסט האט אין אן אינטערוויו פיר יאר שפעטער אנגעלייגט די שולד פאר'ן דורכפאל פונעם "שנת הכרעה" אויפ'ן פאקט אז דער נחל חרדי איז געווארן באטראכט אלס גרויליג פלאץ פאר אן ערליכן איד. ער האט אפילו אויפגעדעקט איבער געוויסע גאר געמיינע פעלער, וועלכע זענען שוין געמיין אפילו אין די פרייע גאס, וואס האבן זיך אפגעשפילט אין די 'חרדי'שע' איינהייט אין לויף פון איינע פון די מלחמות.

אבער דער עצם פאקט אז דוקא דער חרדי'שער פארשטייער איז געווען דער וואס איז אויפגעקומען מיט דעם וואזשנעם 'איינפאל', האט געוויזן פאר אלע וועלכע האבן מיטגעהאלטן די אינערליכע ארבעט פונעם ועדת טל אז די חרדים זענען גרייט דורכצוברעכן דעם מויער קעגן גיוס בני הישיבות, אפילו פאר'ן פרייז פון א צאל קרבנות, אבי צו ראטעווען דאס געלט פאר די ישיבות.

ס'איז אמת אז דער חוק טל האט אפגעשטופט אביסל די גזירה פון גיוס בני הישיבות, אבער דער פרייז דערפון איז געווען צו מוטיגן די קעמפער פאר די גזירה אז גיוס בני הישיבות איז נישט אזוי טריפה ווי גיוס בנות, און אז אויב מ'וועט

פארזעצן צו לייגן דרוק דאן קען מען נאך וועגטועל זען טויזנטער חרדים אין צה"ל.

די טיר איז געווארן געעפנט.

## אריין אין לייבן גרוב

א גאר ענליכע פרשה האט זיך איבערגעשפילט מיט דריי יאר צוריק. ווידער האבן די חרדי'שע חברי כנסת צוגעלייגט א פלייצע, ווידער האט מען זיי געשפיגן אין פנים, און ווידער האבן זיי עס אפגעווישט מיט א טאשטיכל געמאכט פון מיליאנען שקלים.

ווען ביבי נתניהו האט אויפגעלעזט זיין צווייטע רעגירונג אין תשע"ב און געגאנגען צו בחירות, צוליב זיין נישט קענען דורכקומען זיך מיט שאול מופז פון די "קדימה" פארטיי צוצושטעלן א געזעץ איבער גיוס בני הישיבות וואס זאל באפרידיגן סיי דעם בג"ץ, סיי קדימה, און סיי זיינע חרדי'שע שותפים, האט ער זיך איינגערעדט אז נאך די וואלן וועט ער האבן א בעסערע מאפע צו שאפן א קאאליציע בלויז מיט די חרדים און אזוי קענען אויסהאמערן אינאיינעם מיט זיי א נייעם געזעץ.

די חרדי'שע פאליטיקאנטן האבן זיך אויך אזוי איינגערעדט. פאקטיש איז יענע בחירות געווען דאס ערשטע מאל וואס די יהדות התורה פארטיי האט אנגעצויגן 7 חברי כנסת, און אינעם נאכט פון די בחירות האט שאמפיין זיך געגאסן ווי וואסער אין די יהדות התורה הויפטקווארטירן. א באקאנטע רעקארדירונג פון יענע נאכט צייגט וויאזוי זיי טיילן זיך שווין איין די מוציא'ס צווישן זיך. גפני נעמט מזל טוב אלס יו"ר ועד הכספים, ליצמאן אלס סגן שר הבריאות, מאזעס פאר עפעס אן אנדערע ועד, דאס זעלבע מקלב און פרוש. געווען יו"ט אינדערוואכן.

אין די זעלבע וואלן איז אבער אויך געלאפן א נייער פאליטישער שטערן, יאיר לפיד שר"י, וועלכער האט אויפגעשטעלט זיין "יש עתיד" פארטיי מיט איין ציל: אונטערברעכן די חרדים. סיי וועקנעמען דאס געלט וואס זיי באקומען פון די רעגירונג און סיי פארזיכערן אז זיי ווערן אריינגעצווינגען אין מיליטער. צו אלעמענ'ס ערשטוינונג האט זיין העץ קאמפיין געארבעט און ער האט באוויזן צו קריגן א גענצליך אומערווארטעטע 19 חברי כנסת.

דאס פאר זיך וואלט נאכנישט געמיינט די ענדע. אין רעכטן לאגער זענען געווען גענוג ח"כ צו שאפן א קאאליציע אויך אן לפיד, אבער נפתלי בענעט, אן אנדערער אויפגייענדער שטערן וועלכער האט איבערגענומען די אמאליגע מזרחי, האט געשלאסן א בונד מיט לפיד אז זיי גייען אריין אין די קאאליציע נאר ביידע צוזאמען. אן לפיד און אן בענעט איז פאר נתניהו נישט געבליבן קיין אנדערע אפציעס און ער האט זיי געמוזט אריינעמען אין די קאאליציע. די חרדים זענען געבליבן מיט די צונג אינדרויסן.

וועגטועל האט לפיד איינגעהאלטן זיין צוזאג און דורכגעפירט די גזירת הגיוס וואס האט דיקטירט אז טויזנטער חרדי'שע בחורים מוזן ביז געציילטע יאר אנקומען אין צה"ל.

ווען די גזירה איז ארויסגעקומען האבן די חרדי'שע חברי כנסת אויפגעהויבן א הילכיגן ווי געשריי. זיי האבן דורכגעפירט אויסעצייכנטע טעאטער שפילן אין כנסת. מאיר פרוש האט זיך צוגעקייטלט צום מיקראפאן אויפ'ן כנסת פאדיום; די חברי כנסת פון יהדות התורה האבן זיך געריסן קריעה; זיי האבן געמאכט מנינים תהלים און געבלאזן שופר. עס איז אויסגערופן געווארן א ריזיגער עצרת וואס האט ארויסגעברענגט הונדערטער טויזנטער אידן אויף די גאסן פון ירושלים אלס מחאה קעגן די גזירה. די וועלט האט זיך איבערגעדרייט.

וואס זיי האבן אבער פארגעסן צו דערציילן איז געווען אז נישט לאנג בעפאר איז אויפגעשטעלט געווארן די "ועדת שאקעד", אנגעפירט דורך א. שאקעד, א פרייע פרוי וועלכע איז אריין אינאיינעם מיט נפתלי בענעט אין די "הבית היהודי" פארטיי. די קאמיטע איז אויפגעשטעלט געווארן צו פארמירן די צוקונפטיגע גזירת הגיוס, און יעדער רעכטדענקענדער מענטש האט פארשטאנען אז קיין חרדי האט נישט וואס צו זוכן אין א קאמיטע וואו מ'זוכט אך ורק וויאזוי צו צווינגען חרדי'שע בחורים צו גיין אין מיליטער. אבער ווען מ'רעדט פון די חרדי'שע חברי הכנסת, איז שווער צו נוצן דאסווארט 'רעכטדענקענד'... און אזוי האבן מאיר פרוש און אריאל אטיאס זיך געטראפן אלס מיטגלידער אין דער ועדה.

אויב דאס איז נישט גענוג געווען, זענען ערגעץ אין יענע טעג ארויסגערינען געהיימע טעיפס וועלכע זענען אפגעכאפט געווארן אין א געוויסע שטוב אין רחוב חזון איש אין בני ברק, וואו עס וואוינט א געוויסער מנהיג פון ליטווישן אידנטום. אינעם טעיפ הערט מען רעדן די מקורבים פון יענעם מנהיג וויאזוי זיי רימען אויס די א. שאקעד אז זי איז א פרינציפ מענטש און מ'קען מיט איר האנדלען, און נאך פארשידענע פרטים.

פונקטליך וויאזוי די טעיפס זענען ארויסגערינען איז נישט קלאר. די בני ברק'ער פראקציע האט געטענה'ט אז די אונטערהערער מאשינדל איז געווארן איינגעפלאנצט דורך אירע קעגנער פון די ירושלימ'ער פראקציע. די לעצטע האבן צוריקגעווארפן אז דער מאשינדל איז געווארן איינגעפלאנצט דורך די בני ברק'ער מקורבים פאר זייערע אייגענע צוועקן, נאר בטעות זענען די געשפרעכן ארויסגערינען.

סיי וויאזוי האט זיך פון דארט קלאר ארויסגעשטעלט די טיפע צוזאמענארבעט פון חרדי'שע פאליטיקאנטן מיט שאקעד. זיי האבן זיך געטראפן אין געהיימע פלעצער, אריינגערעכנט די ווייבער שול פון א ביהמ"ד אין תל אביב, און אנדערע ערטער וואו זיי זאלן נישט קענען געזען ווערן. די חרדי'שע עסקנים האבן איר געטרויעט און געווען מיט איר זייער אפנהארציג. געזאגט פונקטליך מיט וועלכע פשרות זיי קענען לעבן, און וועלכע פשרות וועלן ברענגען א צו שטארקן ווידערוויל

אין די ברייטע חרדי'שע גאס. זי פון איר זייט האט זיי אין אויסטויש פארשפראכן אז עס וועלן נישט ארויפגעשטעלט ווערן קיין קרימינאלע סאנקציעס אויף בחורים וואס שטעלן זיך נישט צום מיליטער.

וויניגער ווי צוויי וואכן האט א פרישע באמבע געלאנדעט אויף'ן קאפ פון די חרדי'שע קאלאבארירער. שאקעד און איר קאמיטע האבן אפגעשטימט יא ארויפצולייגן קרימינאלע סאנקציעס אויף די בחורים וועלכע וועלן זיך משתמט זיין פון מיליטער, און די טעאטער סצענעס האבן זיך אנגעהויבן.

פיל מער ווי די עצם גזירה האבן די חרדי'שע פאליטיקאנטן נישט געקענט אראפשלינגען דעם פאקט אז צום וויפילטן מאל זענען זיי געווארן אויסגענארט. מ'האט זיי קלאר פארשפראכן אז קרימינאלע סאנקציעס זענען אראפ פון טיש, אבער אין די ענדע האט לפיד אויסגעפירט און ס'איז יא באשטעטיגט געווארן.

## מיט וואס האט אים נתניהו שטיל געמאכט?

נישט צו לאנג נאך וואס די גזירת גיוס איז באשטעטיגט געווארן, און די חרדים האבן געשוואוירן נקמה אין יעדן וואס האט צוגעלייגט א האנט צום שענדליכן געזעץ, אריינגערעכנט נתניהו און בענעט, איז פארגעקומען א געהיימער זיצונג צווישן נתניהו און א חה"כ פון יהדות התורה. די זיצונג איז פארגעקומען אין די נאכט בעפאר א' סליחות. נתניהו האט ניטאמאל אנגעהויבן צו וויסן ווען ער האט גערופן דעם חבר הכנסת צו די זיצונג אז יענער דארף אט אט אויפשטיין צו סליחות. גיי לערן מיט א גוי ברטנורא...

פארשטייט זיך אז דער חבר הכנסת איז באלד געקומען צו לויפן. ער האט געטראפן א דערביטערטן און באזארגטן נתניהו. אונטער די קוליסן האבן זיך ארומגעדרייט שמועות אז לפיד פלאנט אומצואווארפן די נתניהו רעגירונג און פארופן פרישע בחירות. לויט די קלאנגען האט לפיד געהאלטן אז ער שטייט ברום המעלה נאכ'ן דורכפירן די גזירת הגיוס און נאך עטליכע 'דערגרייכונגען', און זיין פלאן איז צו לויפן פאר ראש הממשלה זעלבסט.

נתניהו, אלעמאל באזארגט פאר זיין בענקל, האט זיך ערנסט צוגעהערט צו די קלאנגען. ער האט שוין געזען דעם 'אדרעס אויף די וואנט' אז די קאאליציע וועט נישט לאנג אנהאלטן, און ער האט באלד געוואוסט אז דאס ערשטע מוז ער זיך דורכקומען מיט די חרדי'שע חברי כנסת, ווייל נאר אזוי וועט ער וויסן צו ער האט א שאנס אויפצושטעלן מיט זיי א פרישע קאאליציע, וואס דאן לוינט אים אפשר צו גיין צו פרישע וואלן און ארויסווארפן לפיד און אריינגעמען די חרדים.

פאר דעם חרדי'שן חבר הכנסת האט נתניהו זיך 'אויסגערעדט' אז די אלע צרות וואס די חרדים ליידן האט מען געטון קעגן זיין ווילן און מ'האט עס ממש ארויפגעצוווינגען אויף אים. נפתלי בענעט האט אים געצווינגען צו מאכן א רעגירונג אן חרדים; אביגדור ליבערמאן האט אים געצווינגען ארויפצולייגן קרימינאלע סאנקציעס אויף בחורים וואס דרייען זיך ארויס פון מיליטער; און יאיר לפיד האט ארויפגעצוווינגען די עקאנאמישע גזירות צו שניידן מיליאנען פון די ישיבות, כוללים, מוסדות, און פריוואטע מענטשן. יעדער נאר נישט איך.

דער חבר הכנסת האט יעצט גענומען זיין שאנס. אז נתניהו איז צובראכן לוינט זיך אויסצונוצן די געלעגנהייט. ער האט אים אפן און גראד געפרעגט: "דו ווילסט דאך וויסן צי מיר וועלן דיר העלפן שאפן א קאאליציע אין פאל דו גייסט צו פריע וואלן און ווארפסט ארויס לפיד, ריכטיג? לאמיך דיר פרעגן אפן, וויאזוי קען איך דיך געטרויען? צום וויפילטן מאל האסטו אונז שוין געווארפן איבער'ן דראנג?!".

ס'האט זיך אנגעהויבן א ויכוח צווישן די צוויי וואס האט אנגעהאלטן א ווייל. אבער ענדליך האט דער חבר הכנסת אנערקענט אז ווען ס'איז געקומען צו געלט און דעם בודזשעט האט נתניהו געווענליך איינגעהאלטן זיינע הבטחות און געטיילט מוציא'ס מיט א ברייטע האנט, אזוי אז וויניגסטנס אויף דעם קען מען אים זיכער געטרויען...

ווען נתניהו האט צוויי מאנאטן שפעטער ארויסגעווארפן לפיד און פארופן פריע וואלן, וואס ער האט געווינען, איז עס אין גרויסן טייל געווען באזירט אויף דעם שמועס וואס ער האט געהאט מיט'ן חרדי'שן ח"כ אין די נאכט פאר א' סליחות. ער האט קלאר פארשטאנען אז ער וועט דארפן באצאלן דעם שטר, און אויך העלפן אביסל מיט לפיד'ס חוק הגיוס, און די זאך וועט זיין מסודר.

וכך הוה. די חרדים זענען ווידער געלאפן אויף אלע פיר צו נתניהו'ס פערטע קאאליציע. דאס געלט האבן זיי שוין צוריקבאקומען, טייל דערפון רעטרא-אקטיוו, יעצט האבן זיי געדארפט טון 'עפעס', סיי וואס, מיט'ן חוק הגיוס. זיי האבן דאס שוין אויך געטון. געמאכט א פרישן געזעץ, ווידער לויפן ארום מיט'ן ניגון אז 'פארלאזט זיך אויף אונז' און אלעס וועט זיין ערלעדיגט.

היסטאריע האט אבער ליידער געוויזן מער ווי איין מאל אז די ציוני'סטישע פירער, נתניהו אריינגערעכנט, האבן זייער גוט ארויס דעם מהות פון די חרדי'שע פארטייען. דאס וויכטיגסטע איז צו צאלן אויפ'ן פלאץ, וואס מער אלס בעסער, און וועגן די אנדערע זאכן 'וועט מען זיך שוין דורכקומען'.

איין זאך איז קלאר, ליידער, טויזנטער אידישע נשמות זענען אין געפאר פון ווערן אפגעזיגלט אלס 'אפפאל' און גרייט פאר'ן ציוני'סטישן קאלער אויוון. אבער די חרדי'שע פאליטיקאנטן וועלן שלאפן רואיג אזוי לאנג ווי דער באנק איז געדעקט.

# כראנאלאגישער איבערזיכט

## השתלשלות פון גיוס בני הישיבות זינט די התייסדות המדינה

### אדר א' תש"ח

טראץ וואס די מדינה איז נאכנישט געווארן אפיציעל אויפגעשטעלט, און די ענגלישע הערשער האבן זיך נאך טיילווייז געפינען אין לאנד, האבן שוין געהאט אויסגעבראכן ערנסטע שלאכטן צווישן די ציוני'סטישע און אראבישע קעמפער. די "הגנה" – וואס איז שפעטער פארוואנדלט געווארן אין "צ'בא ה'גנה ל'ישראל", אדער צה"ל – האט זיך שוין דאן גענומען אנטוויקלען ווי א ריכטיגע מיליטער, און די ציוני'סטן האבן שוין אנגעהויבן צווינגען יעדן בחור און יונגערמאן זיך צו שטעלן צום מיליטער.

ישראל גלילי, דאן הויפט קאמאנדיר פון די "הגנה", האט ארויסגעגעבן א באפעל אז די "בני הישיבות", "לויט באשטעטיגטע ליסטעס", זענען פטור פון דינען אין מיליטער. ער צייכנט אן אז דער פטור איז בלויז פאר איין יאר און אז נאך א יאר "וועט דער 'פראבלעם' ווידער אנאליזירט ווערן". ער פארלאנגט אויך אז די ראשי ישיבות זאלן פארזיכערן אז אין די זייטיגע צייטן נישט אין לערן-שעות זאלן די ישיבה בחורים אויך אדורכגיין מיליטערישע טרעינירונג כדי צו קענען קעמפן אויב ס'פעלט אויס.

גלילי גיבט נישט אן די סיבה פארוואס ער באפרייט די ישיבה בחורים, אבער ס'איז גאנץ קלאר פון צווישן די שורות אז די ציוני'סטישע פירערשאפט האט זיך לגמרי נישט געזוכט די קאפווייטיקן ארייננצוציען אין קאמפן מיט די ערליכע בני הישיבות, דערצו אין די זעלבע צייט וואס זיי זענען אויסגעשטאנען העפטיגע אטאקעס דורך מאַסן אראבער. ס'איז בכלל נישט געווען די פאסיגע צייט צו פירן מלחמות סיי אויסערליך און סיי אינערליך.

### אלול תש"ח

בן גוריון ימ"ש האט שוין געהאט אויפגעשטעלט זיין צייטווייליגע רעגירונג, און איינע פון די ערשטע פראגעס איז געווען זיין פלאן צו צווינגען יעדן איינעם זיך איינצושרייבן אלס סאלדאט אין די ניי-געגרינדעטע צה"ל.

ווי בן גוריון האט מער ווי איינמאל קלארגעשטעלט, האט ער נישט געגרינדעט דעם צה"ל בלויז פאר א מיליטער, נאר כדי עס צו נוצן אלס "שמעלץ טאפ", "כור ההיתוך" אין זיין שפראך, וואו ער האט געוואלט אויספארמען דעם נייעם סארט באשעפעניש, א "ישראלי", א איד אן קיין תורה ומצוות רח"ל, און געפירט לויט די דיקטאטן פון בן גוריון'ס לינקע אידעאלן און פילאזאפיע.

אזוי למשל איז דער טמא'נער צה"ל די סאמע איינציגסטע מיליטער אין דער גארער וועלט וואו פרויען באקומען אקוראט די זעלבע ראלע ווי מענער צו קעמפן אויפ'ן שלאכטפעלד. פון אלע לענדער אין דער וועלט זענען דא נאך 2 לענדער וועלכע צווינגען מיידלעך בכלל זיך איינצושרייבן אין מיליטער פונקט ווי אינגלעך, דאס זענען נארוועגיע און עריטריע... און אויך דארט באקומען נישט פרויען די זעלבע קעמפערישע אויסגאבעס ווי מענער. בלויז אין מדינת ישראל האט עס בן גוריון ימ"ש אזוי איינגעשטעלט, כדי גענצליך אויסצוריסן און צוברעכן יעדע מינדסטע שפור פון צניעות און איידלקייט וואס איז נאך אפשר פארבליבן ביי די אומגליקליכע קינדער וועלכע זענען אויפגעוואקסן מיט'ן ציוני'סטישן 'חינוך'.

פארשטייט זיך אז פאר זיין פלאן האט ער וויכטיג געדארפט ארייננשלעפן אויך אלע ערליכע אידן אינעם מיליטער, אז זיי זאלן מוזן שיקן זייערע בחורים און מיידלעך און דארט וועלן זיי פריש 'מחונך' ווערן לויט בן גוריון'ס שטערבונג.

פון די אנדערע זייט האט ער אבער געוואוסט אז דער הארטער קערל פון ערליכע אפגעהיטענע אידן אין ירושלים און בני

ברק וועלן אים אנמאכן מער קאפ וויי ווי נחת, און אז זיי וועלן זיך נישט קענען ספראווען מיט די עקשנות'דיגע שומרי הגחלת פונעם ערליכן אידנטום.

דערפאר איז בן גוריון איינגעגאנגען ארויסצוגעבן א "דיחוי", אפשטופן דעם מיליטערישן פליכט פאר 400 בני הישיבות, וואס איז דאן אויסגעקומען צו 3% פון אלע יונגע בירגער אין מדינת ישראל, און זיין חשבון איז געווען אז אזא קליינער פראצענט וועט עווענטועל ווערן איינגעשלינגען צווישן די גרויסע באפעלקערונג. [מ'דארף נעמען אין באטראכט אז אין יענע שרעקליכע נאך-מלחמה יארן זענען כמעט נישט געווען קיין ערליכע בחורים פארבליבן נאך היטלער ימ"ש, און אויך פון די וואס האבן איבערגעלעבט זענען רוב חרדי'שע בחורים געגאנגען ארבעטן צו האבן ברויט צום עסן].

שפעטער, אין תש"ט, האט די רעגירונג אפיציעל באשטעטיגט דעם דיחוי פון "תורתם אומנתם", אז די אלע בחורים וועלכע זיצן און לערנען א גאנצן טאג, לויט די ליסטע וואס וועט ווערן צוגעשטעלט יעדעס יאר דורכ'ן "ועד הישיבות", וועלן זיין באפרייט פון דינען אין מיליטער.

## תשי"ד

נאך א ריס אינערהאלב די פאליטישע קארידארן האט בן גוריון פלוצלונג זיך אפגעזאגט פון אמט אלס ראש הממשלה, און אויף זיין פלאץ איז ארויפגעקומען משה שערטאק (שרת). פנחס לאַוואָן איז ארויפגעקומען אלס נייער שר הבטחון, און איינע פון זיינע ערשטע שריט איז געווען א פלאן דורכצופירן אויפ'ן פלאץ גיוס בני הישיבות (לאוואן איז געווען פון בן גוריון'ס קעגנער, און איינס פון זייערע 'טענות' קעגן בן גוריון איז געווען די ערלויבעניש פאר בני הישיבות זיך ארויסצודרייען פון מיליטער, וואס 6 יאר אריין אין די מדינה האט מען שוין אנגעהויבן זען אז אנדערש ווי בן גוריון און זיינע חברים האבן גע'חלומ'ט, איז דאס יהדות החרדית בכלל נישט אויפ'ן וועג פון אונטערגאנג. לאוואן און זיינע שותפים האבן געוואוסט אז דורך איינפירן גיוס בני הישיבות וועלן זיי דאס קענען אונטערברענגען, ה"י).

די ציונים זענען דאן אבער נאך געשטאנען אונטער'ן רושם פון די שטורמישע פראטעסטן א יאר פריער קעגן די גזירה פון גיוס בנות און שירות לאומי, און דער אפקלאנג פונעם הילכיגן פסק "יהרג ואל יעבור" – וואס האט אפעקטיוו אפגעשטעלט די ציוני'סטישע רשעים, טראץ וואס אויפ'ן פאפיר איז דער געזעץ פארבליבן געזעץ פאר נאך 25 יאר – האט זיי נאך געדונערט אין די אויערן. זיי זענען בכלל נישט געווען גרייט פאר א פרישן קאמף מיט'ן עקשנות'דיגן יהדות החרדית, וואס זיי האבן געוואוסט אז א פרישע גזירת גיוס וועט זיך אנשטויסן אין דעם זעלבן עם קשה עורף, און שערטאק האט באפוילן פאר לאוואן צו איינזיצן.

עטליכע מאנאטן שפעטער האט אויסגעפלאצט די טרויעריגע "פרשת לאוואן", א קאפיטל היסטאריע פאר זיך, און לאוואן האט געמוזט אפטרעטן פון אמט.

## תשי"ח

בן גוריון איז אינצווישן צוריק געקומען אין אמט אלס ראש הממשלה, ער האט אויך אנגעהאלטן דעם טיטל פון שר הבטחון, און אויפגענומען שמעון פערעס אלס זיין "סגן שר הבטחון". פערעס האט אויסגעהאמערט מיט פארשטייער פונעם ועד הישיבות דעם מהלך אז יעדער בחור דארף יערליך דערקלערן אז ער איז א תלמיד הישיבה וואס זיצט און לערנט א גאנצן טאג, די א.ג. "תורתו אומנתו", דערנאך דארף עס די ישיבה באשטעטיגן, און דער ועד הישיבות דארף חתמנ'ען דערויף. דער שר הבטחון וועט דערקלערן יערליך אז אלע תלמידי הישיבה באקומען א דיחוי אלס תורתם אומנתם.

ווער עס דערקלערט זיך אלס תלמיד הישיבה באקומט אויטאמאטיש א 'דיחוי' פון מיליטער, ד.ה. ער באקומט נישט קיין "פטור", וואס באדייט אז ער איז גענצליך פטור פון מיליטער – אזוויי ס'באקומט למשל עמיצער וואס איז ל"ע משוגע, בלינד, טויב, אד"ג – נאר א 'דיחוי', וואס באדייט אז באמת איז ער אונטער די לעגאלע פליכט פון גיין אין מיליטער, נאר ס'ווערט 'אפגעשטופט' ביז ווי לאנג ער לערנט, און איינמאל ער הערט אויף לערנען מוז ער ווייטער גיין זיך שטעלן צום מיליטער.

איין גרויסער פראבלעם וואס דער מהלך האט געברענגט מיט זיך איז געווען אז ס'האט פארמיטן פון טויזנטער יונגעלייט צו קענען גיין ארבעטן לעגאל און ברענגען פרנסה אין שטוב, וויל געזעצליך, אויב ביזטו נישט ביי די גמרא, דארפסטו דאך גיין אין מיליטער פאר דו גייסט ארבעטן, און אזוי זענען א גרויסער טייל פון חרדי'שן ציבור געצווינגען געווארן צו בלייבן אין ישיבה/כולל אנשטאט ארויסגיין ארבעטן און מפרנס זיין זייער שטוב.

## תשכ"ח

א יאר נאך די זעקס טאגיגע מלחמה, ווען די ציונים זענען געווען ממש פאר'שיכור'ט פון זייער נצחון, און לחרפתינו האט מען אין די חרדי'שע קרייזן אויך געפייערט דעם זיג און די 'ניסים' פון די טמא'נע מדינה, האט זיך אויטאמאטיש צוריק אויפגעוועקט די פראגע פון גיוס בני הישיבות. פון איין זייט האט די ציוני'סטישע פירערשאפט זיך געשפירט גענוג בא'גדול'ט, גענוג פארזיכערט פון די דרויסנדיגע אראבישע פיינט, צו האלטן אז זיי קענען אונטערנעמען אן אינערליכן קאמף קעגן די חרדים, פון די

אנדערע זייט האט די אויסטערלישע הערצה אין די חרדי'שע גאס זעלבסט צום 'זיגרייכן ניסים'דיגן' צה"ל געהאלפן אנגרייטן דעם באדן פאר חרדי'שע בחורים און יונגעלייט צו שפירן אז 'אפשר טאקע' קען מען גיין אין צה"ל, רח"ל.

משה דיין, דער שר הבטחון – וואס אונטער זיין סמכות האט מען יעדעס יאר אפגעשטופט דעם גיוס פון די תלמידי הישיבה – האט אויפגעשטעלט א קאמיטע צו 'שטודירן' די טעמע. די קאמיטע האט באשלאסן אז מ'מוז צוימען דעם צאל פון בני הישיבות צו בלויז 800 'עילויים', און אלע איבריגע בחורים מוזן גענומען ווערן אין מיליטער, אפי' מיט צוואנג אויב נויטיג.

למעשה איז דיין געווארן פארוויקלט אין אן אינערליכן פאליטישן געראנגל, ווי אויך האבן די עיגיפטער אנגעהויבן די לאנגזאמע "מלחמת ההתשה", און ווידער האבן די ציונים באשלאסן אז ס'איז זיי א שאד די קאפווייטיק צו פארמעסטן מיט די עקשנות'דיגע חרדים. די קאמיטע'ס באשלוסן זענען קיינמאל נישט געווארן אויסגעפירט מכח אל הפועל.

זיבן יאר שפעטער, אין תשל"ה, נאך וואס מ'איז שוין אינצווישן אדורך די שווערע יום כיפור מלחמה אין תשל"ד, האט שמעון פערעס אלס שר הבטחון גענצליך אפגעשאפן די באגרעניצונג צו בלויז 800 בני הישיבה.

## סיון תשל"ז

אין א שטוינענדע אנטוויקלונג האט דער רעכטער מנחם בעגין שר"י געוואונען די וואלן און געווארן אויסגעקליבן אלס ראש הממשלה. ער האט עס נאר באוויזן מיט הילף פון די חרדי'שע אגודת ישראל פארטיי, און די אגודה האט זיך געלאזט גוט באצאלן...

די וויכטיגסטע 'דערגרייכונג' וואס אגודת ישראל האט באקומען ביים אריינגיין אין די בעגין קאאליציע איז געווען דאס עפענען די רעגירונג'ס קראנען. [בשעתו האבן די חרדים געשאלט און געיובלט, למעשה איז דאס געווען די טיר וואס האט ערמעגליכט וועלטועל אז מ'זאל אנקומען וואו מ'האלט היינט].

## שבט תשמ"ו

עס קומט ארויס א נייער "חוק שירות בטחון" וואו דער גאנצער געזעץ פון חוק גיוס חובה ווערט איבערגעארבעט אויסגעבעסערט. דארט ווערט נישט דערמאנט גארנישט ספעציעל וועגן גיוס בני הישיבות – וואס זייער 'דיחוי' איז ווי געזאגט עפעס וואס ווערט דורכגעפירט דירעקט דורכ'ן שר הבטחון, און לויט'ן חוק קען דער שר הבטחון באפרייען פון מיליטער דינסט ווען ער וויל, לויט ווי ער זעט איין פאר ריכטיג.

אין די זעלבע צייט קומט אבער פאר אן אומאויפהערליכע אגיטאציע קעגן דעם וואוקס פון די חרדים, און פילע ציוניסטן פארפירן אז מ'מוז אריינשלעפן א גרויסן צאל חרדים אין מיליטער וואו מ'וועט זיי 'אויסמענטשלען', און אזוי אונטערברעכן דעם פענאמענאלן וואוקס פונעם ציבור שומרי תורה ומצוות.

יצחק שמיר איז דאן געווען ראש הממשלה [אין ראטאציע מיט שמעון פערעס], און ער האט אויפגעשטעלט די "כהן קאמיטע" אנגעפירט דורכ'ן חבר הכנסת מנחם הכהן, א מזרחי'סטישער אנטי חרדי, וועלכער איז ארויסגעקומען מיט א רעקאמענדאציע אז די רעגירונג זאל צוימען די צאל בני הישיבות וועלכע באקומען א דיחוי צו 3% פון די צאל וועלכע רוקן זיך איין צום מיליטער, די זעלבע פראצענט בחורים וואס בן גוריון האט בשעתו באפרייט.

## זומער תשמ"ח

אזוויי די חרדים זענען געזעצן אין די קאאליציע מיט שמיר זענען די רעקאמענדאציעס פון כהן נישט געווארן דורכגעפירט אינעם כנסת, אבער דאן איז דער בג"ץ געווארן א פאקטאר.

יהודה רעסלער איז געווען אן אויסגעשפראכענער אנטי-חרדי' העצער וועלכער האט אין די תש"ל יארן אנגעהויבן לויפן צו די געריכטן מיט אין קלאגע נאכ'ן אנדערן אז דער געריכט זאל באפעלן צו שלעפן אלע ערליכע בחורים אין צה"ל, ה"י. די ערשטע יארן האט ער גערעדט צום לאמפ. די ריכטער האבן גוט געוואוסט אז אזא אורטייל וועט אויפפלאקערן ארץ ישראל ד' מאות פרסה על ד' מאות פרסה, און זיי האבן בכלל נישט געזוכט צו עפענען דעם 'שאכטל ווערים'.

אין די תש"מ יארן האבן זיך אבער זאכן געטוישט. די הויפט סיבה דערפאר איז געווען דער פאקט אז די חרדים זענען אריין אין די קאאליציע, און דערצו האבן זיי אנגעהויבן קריגן שווערע מיליאנען שקלים פאר זייערע מוסדות און ארגאניזאציעס. פון אין זייט האט עס נאכמער אויפגעוועקט די אנטי חרדי'ישע עלעמענטן אז די חרדים ווערן א כח, אבער פון די אנדערע זייט האבן זיי יעצט אריינבאקומען זייער בעסטן שטעקן אין די הענט: עקאנאמישע סאנקציעס.

זיי האבן גוט געוואוסט אז ארויפלייגן א טורמע אורטייל אויף טויזנטער בחורים איז עפעס וואס איז נישט מעגליך דורכצופירן. זיי קענען מאכן וועלכע געזעצן זיי ווילן, אבער אויב טויזנטער בחורים זאגן אז זיי זענען גרייט צו גיין ענדערש אין תפיסה ווי אין צה"ל, איז פשוט נישט מעגליך צו נעמען טויזנטער בחורים און זיי האלטן איינגעשפארט פאר 2 יאר און מער [די גרעסטע מיליטערישע תפיסה אין מדינת ישראל, נאך היינט צו טאגס, אנטהאלט

פלאץ בלויז פאר 600 ארעסטאנטן].

אויב אבער מ'וועט סטראשען אז די געלט קראן וועט זיך צושפארן, דאס איז שוין א גאר אנדערע מעשה – ווי הגה"ק רבי משה קליערס זי"ע פון טבריא האט בשעתו געענטפערט פאר די ציונים פארוואס ער נעמט נישט זייער געלט, "איר וועט מיר נישט דארפן איינטיילן גארנישט, איך וועל ענק נאכלויפן צו טון וואס ענק ווילן"...

זומער תשמ"ח האט אהרן ברק, דאן א בג"ץ ריכטער און שפעטערדיגער נשיא פון בג"ץ, ארויסגעגעבן אן אורטייל וואו ער האט טאקע נישט מבטל געווען דעם דיחוי, אבער ער האט אריינגעווארפן א פלאקן מיט'ן דערקלערן אז דער בג"ץ האט א רעכט אריינצורעדן אין די טעמע אויך קעגן דעם ווילן פון די רעגירונג, און אויך האט ער געזאגט זיין מיינונג אז דער צאל בחורים וואס באקומען דעם דיחוי גייט שוין ארויס פון די 'ערלויבטע' פראפארצן.

## כסליו תשנ"ט – דער ערשטער שפאלט

ווי עס שיינט האט ברק אינעם תשמ"ח אורטייל קודם געוואלט מעסטן די וואסערן, זען וואס וועט זיין די רעאקציע ביי די חרדי'שע פארטייען, און צי זיי וועלן איבערקערן די וועלט פאר'ן פרואוו צו טשעפען די בני הישיבות. יענע האבן אבער אנגענומען א פול מיט וואסער, און פאר די פאלגנדע צען יאר האט די העצע אין לאנד איבער גיוס בני הישיבות זיך אלס מער פארשטארקט, ספעציעל ביי די לינקע קרייזן – וועלכע האבן מיטאמאל אנגעהויבן זען אז דער חרדי'שער צוזאמענארבעט מיט די רעכטע פארטייען איז א פאליטישער שטרויכלונג פאר די לינקע פארטייען, און מ'דארף דעריבער שוין פארזיכערן אז די חרדי'שע וויילער באזע שרינקט, דורך צווינגען די בחורים צו גיין אין מיליטער וואו מ'וועט זיי שוין 'אויסלינקען'...

אהרן ברק איז דערווייל שוין ארויפגעשפרינגען צום בענקל פון נשיא אין בג"ץ, און ער האט ארויסגעגעבן אן אורטייל וואס האט צום ערשטן מאל אין די היסטאריע פון מדינת ישראל דערקלערט אז דער צאל בחורים וואס באקומען דעם דיחוי איז 'געווארן צופיל' און במילא נעמט ער אוועק די רעכט פונעם שר הבטחון צו געבן דעם יערליכן דיחוי, נאר ס'מוז ווערן אפגעשטימט דורך א געהעריגן געזעץ אינעם כנסת וואס זאל באשליסן וויפיל בחורים מעגן ווערן באפרייט יערליך.

ער האט צוגעלייגט אז אויב דער כנסת פירט נישט דורך קיין ספעציעלן געזעץ דערוועגן ביז א יאר, וועט דער ביז יעצטיגער סדר בטל ווערן און אלע בחורים וועלן מוזן גיין אין מיליטער!

דער אורטייל האט אויפגעריסן ווי א באמבע אין מדינת ישראל. ספעציעל האט עס שאקירט די חרדי'שע פארטיי פירער. זייער הויפט זארג איז געווען אז אויב די בחורים וועלן דארפן אנקומען אין מיליטער, עפעס וואס וועט דאך אודאי נישט געשען מיט רוב בחורים, וועט דאס אפעקטירן די קאאליציע אפמאכן וועלכע האבן געטיילט אזעלכע גרויסע מוציא'ס פאר די ישיבות און אנדערע חרדי'שע ארגאניזאציעס.

## ועדת טל/חוק טל – תשנ"ט/תשס"ב

די בחירות תשנ"ט זענען פארגעקומען עטליכע מאנאטן נאך דעם אורטייל, און אהוד ברק האט פארוואנדלט די טעמע פון גיוס בני הישיבות אלס א צענטראלע טעמע פון זיין קאמפיין. נאך זיין זיג איבער ביבי נתניהו, האט די "יהדות התורה" פארטיי זיך אנגעשלאסן אין זיין קאאליציע, טראץ וואס זיי האבן אויסטערליש העפטיג קאמפיינט קעגן ברק (אלע חרדי'שע געגנטער זענען געווען איבערגעדעקט מיט ליילעכער: "סכנה! מכת ברק!" אד"ג), מיט'ן תירוץ אז זיי מוזן ראטעווען די בני הישיבות פונעם שרעקעדיגן בג"ץ אורטייל.

אונטער דעם קאאליציע אפמאך איז אויפגעשטעלט געווארן א קאמיטע, אנגעפירט דורכ'ן געוועזענעם ריכטער צבי טל, צו איבערגיין דעם גאנצן דיחוי פון די בני הישיבות און וויאזוי מ'זאל דאס באהאנדלען.

דא איז פארגעקומען דער ערשטער שענדליכער פאראט ווען די חרדי'שע פארטייען האבן אריינגעשיקט 2 פָארשטייער, ר' מאטל קארעליץ און ר' אשר טענענבוים, אלס מיטגלידער אין די קאמיטע. טראץ וואס א גרויסער טייל פון די רעספעקטירסטע און אנערקענסטע ראשי ישיבות ביים ליטווישן ציבור האבן אויסגעדרוקט א שארפער קעגנערשאפט קעגן בכלל עפענען די טיר פאר א מעגליכקייט פון נעמען ערליכע בחורים אין מיליטער אדער דורכפירן סיי וועלכע ענדערונג אינעם סדר פון ביז היינט.

אכט ליטווישע ראשי ישיבות פון דער "מועצת גדולי התורה" פון די "דגל התורה" פארטיי האבן ארויסגעגעבן א שארפן בריוו קעגן דאס טיילנעמען אין דעם ועדת טל, "מען טאר נישט מאכן קיין שום שינוי אפילו א כל שהו פון וואס ס'איז געווען ביז יעצט, און זאלן זיך נישט וואגן דרויסנדיגע עלעמענטן צו פָארשרייבן דעם וועג און געשטאלט פונעם עולם התורה, וואס זייער גאנצער ווילן איז צו פארמינערן די לומדי תורה. און זאל מען אונז נישט איבערשרעקן מיט סטראשונקעס אז מיר זענען געצווינגען אנצונעמען זייערע פארשלאגן און פלענער, ווייל מיר לעבן נישט פון זיי נאר פון די הבטחת הבורא שלא תשתכח תורה מישראל".

דער אויפברויז אינערהאלב די יהדות התורה פארטיי איז געווען אזוי שטארק אז ר' אשר טענענבוים האט זיך אנטזאגט פון אונטערשרייבן די

רעקאמענדאציעס פון ועדת טל, אבער די חברי הכנסת משה גפני און אברהם ראוויץ זענען יא געבליבן ביי די זיצונגען וואו מ'האט אויסגעארבעט דעם פרישן "חוק טל", אזוי אויך האבן זיי געארבעט רונדע דעם זייגער צו פארזיכערן אז דער געזעץ ווערט באשטעטיגט. אין די ענדע איז עס אדורך מיט א מערהייט פון 41-51.

לויט דעם נייעם געזעץ האט דער שר הבטחון באקומען די לעגאלע רעכט אפצושטופן מיליטער דינסט פאר א בחור וואס לערנט 45 שעה א וואך, און אז ווען א בחור ווערט 22 יאר אלט וועט אים געגעבן ווערן א "שנת הכרעה" ווען דער בחור וועט קענען באשליסן צי ער וויל בלייבן ביים לערנען אדער וויל ארויסגיין דינען אין צה"ל אדער אין שירות לאומי.

באזונדער האט דער צה"ל אין די זעלבע צייט געעפנט דעם טרויעריג-בארימטן "נחל חרדי", מיט די שטילע הסכמה און מיטארבעט פון די דגל התורה פארטיי. אפיציעל איז עס געווען געצילט ארייצוברענגען אין צה"ל די אלע א.ג. "נושרים", דאס מיינט די שוואכע בחורים וועלכע פאלן ארויס פון ישיבה און דרייען זיך אויף די גאס. דער ניגון וואס זיי האבן פארקויפט איז געווען אז אדרבא, ס'וועט גאר זיין א טובה פאר די בחורים אז זיי זאלן האבן א 'נארמאלע' מסגרת, און דארט וועלן זיי 'מוזן' דאווענען און לערנען א באשטימטע צייט יעדן טאג, אא"וו.

אין יענעם טרויעריגן מאמענט האבן די חרדי'שע חברי כנסת געוויזן קלאר פאר'ן בג"ץ און די אנטי-חרדי'שע קעמפער אז זיי זענען געפאנגען אינעם גאלדענעם נעץ פון די שווערע מיליאנען וואס זיי באקומען, און אז אויב מ'וועט לייגן מער און מער דרוק וועלן זיי זיך עווענטועל ברעכן, ה' ירחם. פון דארט און ווייטער איז געגאנגען נאר בארג אראפ.

[עווענטועל האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער 'נחל חרדי' האט קיינמאל נישט געארבעט. די בחורים וועלכע זענען אריינגעפאלן אהין האבן, ווי ערווארטעט, נאכמער געטראסקעט אין יעדן שטאפל. אויף אזוי ווייט אז אין די ענדע האבן אפילו די חרדי'שע קאלאבארירער וועלכע האבן אנהייב געארבעט צו אריינשלעפן בחורים אהין אויך כמעט אויפגעגעבן, און 60% פון דעם 'נחל חרדי' באשטייט היינט פון מער ערליכע מזרחי'סטן וועלכע האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט פון אן אפטיילונג אין צה"ל וואו ס'איז 'אפיציעל' נישט דא קיין פרויען.

אפילו דער נאמען פון די אפטיילונג איז געטוישט געווארן צו "נצח יהודה", ווען דערווארט חרדי איז געווארן א פוסטער ליצנות אפילו אין זייערע אייגענע אויגן].

## אדר תשע"ב - דער קלאפ מיט'ן האמער פון בג"ץ

זומער תשס"ט האט שאול מופז, דער יו"ר פון "קדימה" און ווען ביבי נתניהו האט געשטעלט אין שפיץ פון די "ועדת חוץ ובטחון" אין כנסת המינים, אויפגענומען א יונגן ענערגישן חבר הכנסת, יוחנן פלאסנער, אז ער זאל איבערגיין דעם גאנצן "חוק טל" און וויאזוי ס'האט זיך אויסגעארבעט, כדי צו זען אויב עס האט דערגרייכט דעם ציל פון אריינברענגען מער בני הישיבות אין צה"ל.

פלאסנער איז געווען א גרויסער חרדים-האסער, אבער ווייניג האבן דאן געלייגט געוויכט אויף די ארבעט פון עפעס א יונגן צוציק. ווען ער האט ארויסגעגעבן זיין באריכט אז דער חוק טל איז געווען א דורכפאל מיט'ן ציל פון אריינברענגען חרדים אין צה"ל – ד.ה. ס'האט ליידער אריינגעברענגט צופיל חרדים אזוי אויך, יעדע אידישע נשמה איז א חלק אלקי ממעל, אבער ס'האט לויט פלאסנער'ס געשמאק נישט אריינגעברענגט "גענוג" חרדים אינעם שמד-צענטער וואס רופט זיך צה"ל – האבן ווייניג בכלל געקוקט דערויף.

ווער ס'האט יא געקוקט זענען געווען די בג"ץ ריכטער. אין א קלאגע וואס וועט זיך נאך פארציען אנדערטהאלבן יאר שפעטער, האבן זיי פארלאנגט צו זען די אויסווירקונג פון חוק טל. אין די לעצטע טעג פאר'ן ארויסגעבן דעם אורטייל איז פארגעקומען די באגעגעניש וואס מיר דערמאנען אינעם ארטיקל פון דורית בייניש און משה גפני, אבער עטליכע טעג דערויף איז געקומען דער זעץ ווען בייניש האט געאורטיילט אז דער חוק טל איז בטל, און דער כנסת מוז אויפקומען מיט א פרישע געזעץ וואס זאל ארייןשלעפן מער חרדים אין צה"ל.

## אדר תשע"ג

דער פרישער בג"ץ אורטייל האט אויפגעשטורעמט די מדינה. די פרייע ציונים וועלכע ווילן שוין לאנג ברענגען אן ענדע צום בליה און וואוקס פון חרדי'שן ציבור בלעה"ר, איז איבערצייגט, און מיט רעכט, אז אויב געלונגט זיי דורכצופירן גיוס בני הישיבות וועלן זיי גענצליך אונטערברענגען דעם ערליכן ציבור שומרי תורה ומצוות מיט'ן כח פונעם אבי אבות הטומאה, דער שמעלץ טאפ וואס רופט זיך צה"ל.

עס האבן זיך אנגעהויבן שטורמישע פראטעסטן אז די רעגירונג זאל דורכפירן גיוס חובה אויף אלע חרדים. די נתניהו רעגירונג איז געפאלן נאך וואס א פרישע "ועדת פלאסנער", טאקע דער זעלבער פלאסנער, האט פארלאנגט אז מ'זאל נעמען כמעט אלע בחורים אין מיליטער מיט'ן אויסנאם פון א באשטימטע צאל 'עילויים'. נתניהו'ס חרדי'שע קאאליציע שותפים האבן נישט געקענט איינגיין דערויף און מ'איז געגאנגען צו פרישע בחירות.

דא איז אויפגעקומען א נייער 'שטערן', יאיר לפיד, א שוידערליכער שונא הדת און זון פון טרויעריג בארימטן עוכר ישראל טומי לפיד שר"י. ער איז געלאפן אויף א פלאטפארמע פון וואס ער האט גערופן "שוויון בנטל", ארייצושלעפן די חרדים אין צה"ל און שניידן שווערע געלטער וואס זיי באקומען פון די מדינה קאסע. ס'איז אים געלונגען צו באקומען אזויפיל ווי 19 חברי כנסת, און צום ערשטן מאל אין צענדליגער יארן

איז אויפגעשטעלט געווארן א מדינת ישראל קאאליציע אן קיין איין חרדי'שע פארטיי אינעווייניג.

לפיד, אינאיינעם מיט ביבי נתניהו און נפתלי בענעט, האבן שליסליך און ענדליך ארויסגעגעבן א נייעם געזעץ וואס האט ביז דריי יאר שפעטער, ד.ה. אין תשע"ז, געדארפט זען אז מינימום 5,200 חרדים זאלן אנקומען אין מיליטער, אויב נישט וועט אויטאמאטיש חל זיין דער גיוס חובה אויף אלע צענדליגער טויזנטער חרדי'שע בחורים און יונגעלייט, אויסער 1,800 'עילויים' וועלכע וועלן יא באקומען א דיחוי.

## הויפט נקודות פון לפיד געזעץ, תשע"ד

- ביז 2017 למספרם – ו' תמוז תשע"ז – וועט זיין א "תקופת הסתגלות", דאס טייטש "תקופה פון זיך צוגעוויינען", איינגעוויינען דעם חרדי'שן ציבור אז מ'דארף אנהייבן גיין אין מיליטער.
- במשך די דאזיגע "תקופת הסתגלות" דארף די רעגירונג ארבעטן מיט אלע מעגליכקייטן צו פארגרעסערן די צאל מתגייסים ביי די חרדים, לויט א באשטימטע צאל וואס די רעגירונג וועט באשטימען. – [דער געזעץ שרייבט נישט קלאר די צאל וויפיל חרדים מוזן גיין אין מיליטער, נאר די נתניהו/לפיד/בענעט רעגירונג פון תשע"ד האט באשטימט, אין א עקסטערע אפשטימונג וואס איז נישט געווען קיין חלק פון די עצם געזעץ, אז די נאמבערס דארפן זיין פאר '15, 1,500 חרדים אין מיליטער; פאר '16, 2,500; און פאר '17, 5,200 חרדים אין מיליטער. ס'ווערט געשאצט אז קומענדיגע יאר וועלן 9,000 בחורים ווערן 18 יאר אלט, און מיט די אנדערע בחורים מיינט עס אז ס'וועט זיין אין די ישיבות אלעס צוזאמען בערך צווישן 35,000 און 40,000 בחורים].
- דורכאויס די דאזיגע "תקופת הסתגלות" איז דער שר הבטחון בארעכטיגט ווייטער אפצושטופן דעם מיליטער דינסט פאר אלע בני הישיבות מיט'ן תירוץ פון תורתם אומנתם.
- נאך ו' תמוז תשע"ז, הייבט זיך אן די "תקופת הקבע". דאן איז אזוי, אויב זענען די חרדים נאכגעקומען דעם 'יעד הגיוס' און צוגעשטעלט די פארלאנגטע צאל קאנטאניסטן פאר'ן צה"ל (ד.ה. די 5,200 בחורים), דאן קענען די איבריגע בחורים באקומען א פטור פונעם שר הבטחון צו בלייבן אין ישיבה.
- אויב דער ציפער ווערט נישט דערגרייכט מיט גוטן, דאן ווערט אויטאמאטיש בטל די מעגליכקייט פון תורתו אומנתו פאר יעדן. בלויז 1,800 'עילויים' וועלן האבן די רעכט צו בלייבן אין ישיבה (ס'האט א גאנצער קאמפליצירטער סיסטעם ווער און וויאזוי ס'ווערט באשלאסן וועלכע בחורים זענען נכלל אין די 1,800), און אלע איבריגע צענדליגער טויזנטער בחורים מוזן גיין אין מיליטער.
- ווער ס'וועט נישט גיין אין מיליטער וועט ווערן פאררעכנט אלס "משתמט", און דאס מיינט אויטאמאטיש אז ער וועט קריגן תפיסה, וואס זיי רופן "סנקציות פליליות". וועגן עקאנאמישע סאנקציעס איז דאך אפגערעדט אז א 'קרימינאל' איז נישט בארעכטיגט צו באקומען קיין געלט פון די מדינה.

## הויפט נקודות וועלכע האבן זיך געטוישט ביים "תיקון לחוק הגיוס" פון גפני/נתניהו תשע"ו

צווערשט האבן זיי געוואס אפגעשטופט די צייט. ביז יעצט האט דער "הסתגלות" זיך געדארפט ענדיגן ו' תמוז תשע"ז, יעצט וועט דער "הסתגלות" זיך ענדיגן ערשט ו' תמוז תש"פ, דריי יאר שפעטער. דאן הייבט זיך אן די תקופה "הסתגלות השניה", וואס ענדיגט זיך תשפ"ג.

- דער 2'טער וויכטיגער טויש איז דאס צוריק אריינברענגען דעם שר הבטחון אין בילד, אז ער וועט קענען אפשטופן דעם גיוס פאר וועמען ער וויל, ס'גייט ארבעטן ווי פאלגנד:
- ביז תמוז תש"פ בלייבט אלעס ביים אלטן, די רעגירונג וועט פרובירן צו ארבעטן צו פארגרעסערן די צאל חרדים, אבער אינצווישן קען דער שר הבטחון ווייטער געהעריג אפשטופן אלע בחורים אלס תורתם אומנתם.
- ביי די צווייטע "הסתגלות השניה", ד.ה. צווישן תמוז תש"פ און תמוז תשפ"ג, ווערט שוין אביסל פארפלאנטערט. אפיציעל, מוז די רעגירונג אנקומען צו א געוויסע באשטימטע צאל פון חרדים אין מיליטער, פונקט ווי אין פאריגן געזעץ, זיי האבן נאר געטוישט אז אפילו אויב די רעגירונג קומט נישט אן צו די באשטימטע צאל מאיזה סיבה שהיא, איז דער שר הבטחון נאך אלץ בארעכטיגט ווייטער צו באפרייען אלע בחורים.
- ווען ס'קומט צו די דאזיגע צווייטע תקופה, האט יעצט דער שר הבטחון ווייטער א רעכט צו באשליסן אז ער וויל נישט אננעמען די חרדים אין צה"ל, נאר אנשטאט געבן א ברייטע רעכט פאר יעדן וואס דערקלערט זיך תורתו אומנתו, וועט ער דארפן זאגן יעדעס יאר א פונקטליכע ציפער וויפיל בחורים ער באפרייט פון מיליטער. לאמיר זאגן אז ער דערקלערט תשפ"א אז 47,621 בחורים זענען באפרייט פון מיליטער דינסט אויף א יאר, או"וו.
- אין דעם גאנצן געזעץ איז דא איין ריזיגער לאָך: ס'שטייט נישט אין ערגעץ וויפיל איז דער צאל חרדים וואס דארפן אנקומען אין מיליטער לויט די רעגירונג. אויך אין לפיד'ס תשע"ד געזעץ איז נישט געשטאנען קיין ציפערן, אבער די רעגירונג האט דאן עקסטער ארויסגעלייגט די פריערדערמאנטע ציל פון 5,200 בחורים פאר תשע"ז. יעצט איז דערוויל נישט ארויסגעקומען קיין שום ציפערן, נישט פאר תשע"ז, נישט פאר תש"פ, נישט פאר תשפ"ג, גארנישט.
- יאיר לפיד האט שוין דערקלערט אז ער וועט גיין צום בג"ץ זי זאל מבטל זיין דעם נייעם געזעץ, און ס'איז פאראן שטארקע שאנסן אז זיי זאלן טאנצן לויט זיין פידל, וואס דאן וועט מען זיך צוריק טרעפן ביים רעגירונג'ס טיש אן קיין לעזונג.

# דער שענדליכער
# פאראט

**די חרדי'שע חברי כנסת זוכן צו ווארפן זאמד אין די אויגן, פאקטיש האבן זיי מפקיר געווען טויזנטער אידישע נפשות, און געעפנט די טיר פאר די ציוני'סטישע פירער אויסצורייסן ריזיגע שטיקער פון כלל ישראל, וואס קיינער ווייסט נישט וואו ס'גייט זיך ענדיגן, רחמנא ליצלן**

## די שענדליכע "סעלעקציע"

טויזנטער בחורים וועלן דורכגיין א 'היימישע' סעלעקציע. יעדער בחור וואס לערנט נישט 8 שעה א טאג וועט ווערן נאכגעקוקט בשבע עינים, און וועט דארפן אויסשטיין די חסדים פון עמיצן פון 'אינעווייניג' מיט א בארד און פיאות וואס וועט דארפן באשליסן צי זיין נשמה איז גענוג 'ריין', אדער אויב מ'קען דעם בחור ווארפן פאר די הינט, וואס ס'איז קלאר אויסער יעדן ספק אז דער גרעסטער טייל פון די וועלכע וועלן אריינפאלן אין די צה"ל לאפעס וועלן ארויסקומען פון דארט גענצליך אפגעהאקט פונעם עץ החיים, ה"י.

ס'האלט שוין ביי א שטאפל אז ס'איז דא אינערהאלב די דגל התורה פארטיי ווער ס'איז אויפגעקומען מיט א 'פשעטל' אז די בחורים וואס לערנען נישט א גאנצן טאג "מוזן" גיין אין מיליטער, און זיי טרויען זיך גאר צו באצייכענען די בחורים אלס "רודפים", ווייל וויבאלד ס'איז דא בחורים וואס לערנען נישט א גאנצן טאג, אבער זיי זענען נישט גרייט מפקיר צו זיין די אייגענע נשמה פאר'ן שטן און גיין אין צה"ל, פארפירן די פרייע און דער בג"ץ צו שיקן אלע בחורים אין מיליטער. ווייל אויב די בחורים וואלטן געגאנגען, וואלט דער בג"ץ געווען צופרידן...

מען האלט יעצט ביי א שטאפל אז די דגל התורה אקטיוויסטן זענען גרייט צו ארבעטן אינאיינעם מיט די נשמה כאפער, ממש אקוראט אזוי ווי די אמאליגע ראשי הקהלה אין צארישן רוסלאנד האבן געארבעט מיט די כאפערס צו פארקויפן די ארימע קינדער אלס קאנטאניסטן, שומו שמים! זיי זענען גרייט מפקיר צו זיין טויזנטער אידישע נשמות, שטיין מיט'ן בייטש אז דער זאל גיין רעכטס און דער לינקס, ה"י, אבי צו ראטעווען די מיליאנען וואס זיי באקומען פאר זייערע ארגאניזאציעס.

## דער "נושרים" בלאף

פאר די לעצטע 15 יאר זינגט מען אין די ליטווישע קרייזן דעם ניגון פון "נושרים", אז די בחורים וועלכע האבן נעבעך געגליטשט פון ערליכן אידישן וועג ל"ע, וואס זיי רופן "נושרים" [ארויסגעפאלענע], זאלן זיי כאטש אנקומען אין מיליטער און דערמיט אראפנעמען דעם חרון אף פון די פרייע. א ניגון וואס האט געכאפט א גרויסן טייל פון זייערע קרייזן.

אן אריינגיין אין די עצם נקודה אז א בחור וואס האט ל"ע געגליטשט איז זיין נשמה נאך אלץ נישט הפקר, איז עס אבער פשוט א ביטער געלעכטער ווען מ'הייבט אן צו רעדן פון טויזנטער 'שוואכע' בחורים וואס מ'איז גרייט אפצושיקן צום טמא'נעם צה"ל. וועמען ווילן זיי איינרעדן אז פון 9,000 בחורים א יאר איז דא 2,000 נושרים חלילה?! אדער אפילו 1,000?!

אויב איז אמת אז זייער ישיבה סיסטעם פראדוצירט יאר איין יאר אויס אזויפיל ווי 1,000 נושרים, רחמנא ליצלן, איז דער צה"ל א קליינער טייל פון זייערע פראבלעמען...

דער גאנצער תירוץ פון "נושרים" איז גארנישט מער ווי געווארפן זאמד אין די אויגן, צו בארואיגן די שטורמישע געמיטער אין זייער אייגענעם לאגער פון די וועלכע קוקן צו מיט שטוינונג וויאזוי מ'איז גרייט צו ווארפן טויזנטער אידישע נשמות איבער'ן דראנג פאר א נזיד עדשים.

## געעפנט די טיר פאר'ן מלאך המות

איבער אלעם איז אבער דער שרעקליכער טריט, וואס האט זיך באמת נישט יעצט אנגעהויבן אבער גייט אלס ווייטער און טיפער, פון עפענען די טיר פאר'ן מלאך המשחית, דער פארשאלטענער בג"ץ, ווען זיי זענען קלאר אז די חרדים זענען אזוי באזארגט פאר'ן שקל, אדער פאר די מיליאנען שקלים, וואס זיי גייען פארלירן, און זענען גרייט צו ווארפן זייערע קינדער פאר די הינט אבי צו ראטעווען די אייגענע הויט.

מ'דארף נישט גיין צו ווייט. ווען ס'איז פארגעקומען די שטורמישע מערכה קעגן "גיוס בנות" אין די אנהויב תש"י יארן, פון די מינוט וואס אלע גדולי ישראל פון אלע שיכטן און קרייזן האבן ארויסגעגעבן זייער פסק אז דאס איז אסור און "יהרג ואל יעבור", איז דער קאמף געווען פאראיבער. זיי האבן נאך געשלעפט און געזשיפעט אבער די ציוני'סטישע פירערשאפט האט אנערקענט אז זיי האבן פארלוירן דעם קאמף. ערליכע מיידלעך וועלן נישט אנקומען אין מיליטער, זאל זיין וואס זאל זיין, און זיי זענען באלד אראפגעקראכן פונעם הויכן בוים.

און אקוראט דאס זעלבע איז געווען מיט גיוס בני הישיבות. די ערשטע 40 יאר וואס די מדינה איז געשטאנען האט די אלגעמיינע ציוני'סטישע פירערשאפט געוואוסט אז זיי וועלן זיך אנשטויסן אין א הארטנעקיגע וואנט פון עקשנות. די געריכטן און קיין שום ערנסטער פאליטישאן האבן זיך נישט געזוכט די קאפּווײ פון קעמפן מיט הונדערטער און טויזנטער חרדי'שע בחורים, און זיי האבן עס געלאזט שלאפן.

אויך נאך וואס אהרן ברק האט אריינגעווארפן א פלאקן, אין תשמ"ח, האט נאך געדויערט צען יאר ביז זיי האבן זיך ערנסט גענומען צו דעם 'פראבלעם' און אנגעהויבן לייגן דרוק אויף די חרדים און אויפ'ן כנסת המינים אז מ'מוז טוישן דעם סטאטוסקווא. זיי האבן געווארט מיט געדולד ביז ווען די חרדי'שע פארטייען וועלן זיין פולקאם ארומגענומען אינעם גאלדענעם שטייג, און צוביסלעך פרובירט צו געבן א שטאך דא, א טשעפע דארט, און זען די רעאקציע.

ווי נאר זיי האבן געזען אז די חרדים ציטערן פאר זייערע פאר שקלים, זענען זיי געווארן בא'גדול'ט און האבן זיך גענומען גיין ווייטער און ווייטער. דער זעלבער בג"ץ וואס איז נישט לאנג צוריק געווען באפרידיגט מיט'ן חוק טל, פארלאנגט יעצט כאטשיק אפאר טויזנט חרדי'שע בחורים יעדעס יאר! ועוד ידו נטויה.

ס'איז קלאר אז דאס וואס די חרדים ציגן א שוואכקייט ווען ס'קומט צו די טעמע פון גיוס בני הישיבות, בלויז דאס האט געגעבן דעם אפעטיט פאר'ן בג"ץ און די פיינטליכע ציוניסטן צו גיין ווייטער מיט זייערע פלענער. וואס תוצאותיו מי ישורנה. ווער ווייסט צי ס'וועט זיי נישט ארויפברענגען אין מחשבה צוריק צו אנהייבן דעם קאמף פאר גיוס בנות, היל"ת.

אפילו לויט זייער נייעם געזעץ זאגן זיי אויך נישט וואס וועט זיין נאך תשפ"ג, און מ'קען זיין 'רואיג' אז דער בג"ץ וועט נישט צורו לאזן די חרדים ביז ווען חלילה זיי פארניכטן טויזנטער און טויזנטער טייערע בחורים. אן קיין פעסטן פאראייניגטן פראנט וועלן יידער פאלן טויזנטער נשמות אינעם טמא'נעם שמעלץ טאפ.

## די דריי הויפט סיבות פאר'ן פאראט: געלט, געלט, געלט

אין די לעצטע וואכן וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט אינערהאלב דעם ליטווישן לאגער הערט מען איין זאך: פון וואו וועט מען נעמען אזויפיל געלט?!

זיי זאגן עס קלאר און אפן, שעמען זיך גארנישט דערמיט. פון דעם ליטווישן חבר הכנסת משה גפני ביז די קליינע שרייבערלעך אין פארומס און בלאגס, אלעס זינגט דעם זעלבן ניגון: דער "עולם התורה" וועט אונטערברעכן אויב מ'האקט אפ אונזערע געלט קוואלן. אויב מיר עפענען יעצט א קאמף קעגן די רעגירונג און קעגן דעם בג"ץ, וועלן זיי מארגן אפשפארן די קראנען און אלע מוסדות וועלן זיך אפשפארן! אלע קצבאות געלטער וועלן אויפהערן צו קומען, קיינער וועט מער נישט באקומען קיין שקל פון די רעגירונג. אלעס וועט גיין קראכן!

אין אנדערע ווערטער: מיר האבן דא א וואגשאל, פון איין זייט שטייען טויזנטער אידישע נשמות, עטליכע פארוועלקט, אנדערע מער גראד מיט פיצעלע קנייטשן, דער איבערוויגנדער רוב פון זיי שומרי תורה ומצוות, פון די אנדערע זייט שטייען הונדערטער מיליאנען שקלים, נו, זאגט איר אליין, וואס וועגט איבער?!

דאס איז דער קלארער מהלך. אויב דארף מען מפקיר זיין טויזנטער נפשות איז עס אויך

ווערד, אבי צו קענען ווייטער אפלעקן די ברעקלעך וועלכע ווערן אונז צוגעווארפן פונעם שולחן איזבל!

מי ביקש זאת מידכם רמוס חצירי?!

מ'דארף נישט צוריקגיין די 2,000 יאר אין גלות. בלויז א 2 דורות צוריק. פאר דרייסיג יאר, פון תש"ח ביז תשל"ז, איז כלל ישראל אויך אנגעאנגען אונטער די מדינת ישראל ווירטשאפט. ס'איז נישט געווען די ריזיגע געלטער וואס זיי באקומען היינט, און מ'איז אנגעאנגען! מ'האט געלעבט! מ'האט דורכגעשטופט!

דו ביזט אריין אין די קאאליציע, דו האסט אנגעהויבן ברענגען ריזיגע געלטער, דו האסט פארוואנדלט הונדערטער מוסדות התורה אין פשוט'ע קנעכט, צו ווערן אנגעהאנגען אין די ביינדלעך וואס די ציוניסטןווארפן זיי צו, יעצט קומסטו שרייען אז מ'מוז פארברענען טויזנטער אידישע נשמות אין א רוחניות'דיגן קאלך אויוון, כדי צו פארזיכערן אז דיינע מוסדות בלייבן ווייטער 'אדיקטעד' צו די שמוציגע געלט פון די טמא'נע רעגירונג?!

ווער האט דיר געשטעלט פאר אפוטרופוס פון כלל ישראל?! דער רבש"ע האט געמאכט גאנץ א גוטן זשאב מיט'ן מאנעווורירן כלל ישראל במשך די לעצטע 2,000 יאר אין גלות, קענסט אים רואיג צוריקגעבן די שליסלעך און אים לאזן פירן ווייטער זיין וועלט. דו האסט נישט דאס מינדסטע רעכט צו טרעטן אויף אזויפיל טייערע נשמות בלויז צו האלטן דיין קעשענע אנגעפילט, און דיין בענקל אין כנסת ווארעם. מיר זענען דיר עס מוחל מיט'ן גאנצן הארץ!

עס שטעלט זיך ארויס א ביטערע מציאות אז די פאריגע קאאליציע דורך די לינקע שונאי הדת האט טאקע גוזר געווען די גזירה, אבער די יעצטיגע קאאליציע, וואס איז פארמירט אינאיינעם מיט די חרדי'שע חברי הכנסת האט פאקטיש אויסגעפירט די גזירה אויף למעשה, מיט א מיתת נשיקה פון פשרות און וויתורים. די שונאי הדת רייבן זיך די הענט אז מלאכתם נעשית על ידי אחרים, זיי זענען גערן מסכים נאכצולאזן פון די שטייפע ליניע און זיך אהערשטעלן ווי גוטע ברידער, ווען זיי ווייסן זייער גוט אז דער סוף פסוק וועט זיין אז עץ מכם יכנס בי, מען איז געזיצן אינאיינעם און דורכגעפירט א גזירת שמד נורא ואיום, אויף א פארנעם וואס וואלט קיינמאל פאסירט אונטער א פרייע ממשלה.

שלומי אמוני ישראל קוקן ארויס מיט זארג אויף די אנטוויקלונגען, און מען גרייט זיך צו אפשלאגן די ביטערע גזירות מיט אלע מיטלען פון תפלה ומלחמה. דאס יהדות החרדית הצרופה איז פאראייניגט אין דעם גרויסן מלחמה לה' בעמלק, לא ננוח ולא נשקוט ביז די שרעקליכע גזירה וועט בטל ווערן, **ולא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים**.


**True Torah Jews**
183 Wilson St.
PMB 162
Brooklyn NY 11211
www.truetorahjews.com